# ויקרא

א. אין פסוק נפש כי תחטא ומעלה מעל בה׳ וכחש בעמיתו בפקדון או בתשומת יד וגו׳[1], בריינגט רש״י די ווערטער „נפש כי תחטא״ און איז מפרש — „אמר ר׳ עקיבא[2] מה[3] ת״ל ומעלה מעל בה׳, לפי שכל המלוה והלוה והנושא והנותן אינו עושה אלא בעדים ובשטר לפיכך בזמן שהוא מכחש מכחש בעדים ובשטר, אבל המפקיד אצל חבירו ואינו[4] רוצה שתדע בו נשמה אלא שלישי שביניהם, לפיכך כשהוא מכחש מכחש בשלישי שביניהם״.

בפשטות — איז דער ביאור אין דעם פירוש[5]: דאָס וואָס „ומעלה מעל בה׳״ הייסט דוקא דער וואָס פאַרלייקנט אַ פקדון — און ניט ווען ער פאַרלייקנט אַ מלוה, הגם אַז אויך דאָ, פונקט ווי ביי פקדון, ווייס דאָך דער אויבערשטער אַז ער האָט געליען געלט —

ווייל ווען איינער גיט דעם צווייטן אַ פקדון צו באַהאַלטן אין אַן אופן וואָס „אינו רוצה שתדע בו נשמה״, אָן עדות און אָן שטר, און די אייגציקע באַוואָרעניש איז, נאָר וואָס דער מפקיד ונפקד פאַרלאָזן זיך אויף דעם וואָס דער אויבערשטער ווייס דערפון, און זיי נעמען אים אַריין כביכול פאַר אַן עדות אויפן פקדון [און ווי דער תלמיד האָט שוין געהאַט געלערנט אין ספר בראשית[6], אַז לבן האָט געזאָגט צו יעקב׳ן: „אין איש עמנו ראה אלקים עד ביני ובינך״] — איז דעריבער, דערמיט וואָס ער פאַרלייקנט דעם פקדון, איז עס במילא אַ פאַרלייקענונג אין דעם איינציקן „עד״ צווישן זיי — אין דעם אויבערשטן.

און דערמיט איז פאַרשטאַנדיק[7] וואָס רש״י באַנוצט דאָ אַ לשון מיוחד — „שלישי שביניהם״ (און זאָגט ניט קלאָר: „הקב״ה״, אָדער „ה׳״ — כלשון הכתוב) — ווייל מיט דעם וויל ער מפרש און מדגיש זיין, אַז דאָס וואָס „וכחש גו׳ בפקדון״ הייסט „מעל בה׳״, איז צוליב דעם וואָס דער מפקיד ונפקד האָבן כביכול אַריינגענומען דעם אויבערשטן ווי אַ „שלישי ביניהם״, ד. ה. פאַר אַן עדות, און במילא איז דאָס אַ „מעל בה׳״ ווי אַ הכחשה אין דעם עד פון פקדון.

לויט דעם איז אָבער שווער:

בשעת דער פסוק טייטשט אויס וועמען ער מיינט מיט „נפש כי תחטא ומעלה מעל בה׳״, זאָגט ער (ניט נאָר) „וכחש בעמיתו בפקדון (נאָר אויך גלייך נאָכדעם) או — בתשומת יד״, וואָס מיינט (ווי רש״י איז מפרש) „ששם בידו ממון להתעסק או במלוה״ — איז ווי שטימט עס מיט דעם וואָס רש״י זאָגט אַז ביים פאַל פון

1) פרשתנו ה, כא.

2) תו״כ כאן (פכ״ב).

3) בדפוס ראשון: ומה (בוא״ו). (ואף שבדפוס זה חסרה שורה שלמה בפירוש רש״י זה — הרי אי״ז הוכחה שגם התיבות שנדפסו נעתקו בטעות). וראה לקמן הערה 14.

4) ברא״ם כאן (וכ״ה בתו״כ כאן): אינו (בלי וא״ו). אבל בגו״א כאן, וכ״ה ברוב דפוסי רש״י: ואינו. וראה לקמן סעיף ה׳.

5) ראה עד״ז גו״א כאן (בתחלת דבריו. וראה לקמן הערה 8).

6) ויצא לא, נ.

7) אבל ראה לקמן סו״ס ב׳.

„המלוה והלוה והנושא והנותן" איז ער מכחש ניט אין אויבערשטן, נאָר „בעדים ובשטר" [8]?

מפרשים לערנען איין [9], אַז „או ב־תשומת יד" באַציט זיך ניט צו „ומעלה מעל בה'", נאָר ווי נאָך אַ פּרט וואָס קומט בהמשך בלויז צו „וכחש ב־עמיתו".

ס'איז אָבער שווער אַזוי צו לערנען, וואָרום פון פּשטות לשון הכתוב איז משמע, כנ"ל, אַז דער כלל פון „וכחש בעמיתו" גופא (מיט אַלע זיינע פּרטים: סיי „פקדון" און סיי „תשומת יד" און אַזוי אויך „גזל" וכו') איז אַן אָפּטייטש פון „נפש כי תחטא ומעלה מעל בה'".

ב. נוסף צו דער שאלה הנ"ל (ווי שטימט רש"י'ס פּירוש, אַז „ומעלה מעל בה'" איז בלויז ביי „וכחש ב־פקדון", מיט פּשטות לשון הכתוב), זיינען פאַראַן אויך כמה תמיהות בנוגע דעם לשון פון רש"י:

א) רש"י איז דאָך דאָ ניט אויסן צו מפרש זיין די ווערטער „נפש כי תחטא", נאָר, ווי ער אַליין באַוואָרנט: „מה ת"ל ומעלה מעל בה'" — איז אינגאַנצן ניט מובן [10]: דווקא די ווער־טער „נפש כי תחטא" איז ער מעתיק און שטעלט זיך אויף זיי, בעת אַז די ווערטער „ומעלה מעל בה'" ברענגט ער אינגאַנצן ניט אַראָפּ און איז זיי ניט מרמז אפילו דורך צושטעלן אַ „וגו'"?

ב) ס'איז ידוע, אַז רש"י בפירושיו לויט מאמרי רז"ל, דערמאָנט ניט דעם נאָמען פון בעל המאמר, סיידן עס קומט צו דורכדעם אַ תוספות ביאור אין דעם געזאָגטן פירוש. דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס פאַר אַ תוספות הבנה קומט צו אין דעם פירוש „מה ת"ל ומעלה מעל בה'", דורך דער ידיעה אַז דאָס האָט געזאָגט ר' עקיבא?

ג) בכדי צו פאַרשטיין מיט וואָס דאָ ווערט דער „מעל בה'", וואָלט גענוג געווען דער הסבר אַז „המפקיד אצל חבירו כו' מכחש בשלישי ש־ביניהם" — צוליב וואָס דאַרף רש"י מאריך זיין און געבן צו פאַרשטיין דורך דעם פאַרגלייך פון „כל המלוה כו' מכחש בעדים ובשטר"?

ד) ווען צוויי מענטשן האָבן אַ משא ומתן צווישן זיך און זיי ציען צו נאָך עמעצן ווי אַן עדות — אַ באַשטע־טיקונג און פאַרזיכערונג אויף דער זאַך — איז דאָך ניט שייך צו אָנרופן יענעם ווי דער „שלישי" צווישן זיי: ער ווערט צווישן זיי בלויז אַ פאַר־מיטלער וואָס באַשטעטיקט און איז מברר דעם משא־ומתן צווישן זיי, אָבער ניט אַזאַ וואָס קען גערעכנט ווערן צוזאַמען מיט זיי, ווי אַ דריטער

---

8) וקושיא זו היא גם בנוגע ל„בגזל" ו„עשק את עמיתו", דמכיון שלא סמך מתח־לה על הקב"ה — אין זה „ומעלה גו' בה'".

בגו"א כאן: הקב"ה הוא השליש שבי־ניהם . . כופר בהקב"ה שסמך עליו ולאו דוקא פקדון אלא אף גזל אע"ג שהוא לא סמך מתחלה . . כיון שאין יודע מזה כ"א הקב"ה והוא סובר שלא יכפור כו'.

אבל: א) בפשטות, הענין ד„ומעלה מעל בה'" הוא כשסמך על ה' — וכלשון רש"י „שלישי שביניהם", כנ"ל בפנים. ב) לפי פי־רושו — אינו מובן הסדר שבכתוב: למה הפסיק ב„בתשומת יד" בין „בפקדון" ל„בג־זל"? וראה גם רא"ם כאן, שגם „בגזל" לא קאי על „ומעלה מעל בה'".

9) רא"ם כאן.

10) ובפרט, שמאמר ר"ע שבספרי כאן הוא על התיבות ומעלה מעל בה' — ולא על נפש כי תחטא!

— ניט נעמענדיק קיין שום אַנטייל אין משא־ומתן גופא.

דאַרף מען דעריבער פאַרשטיין, וואָס רש״י רופט דאָ אָן דעם אויבערשטן אַלס „שלישי שביניהם״ (ניט „אחד״ אָדער „זה״): הן אמת, אַז דער מפקיד ונפקד האָבן זיך פאַרלאָזט אויפן אויבערשטן אַז ער וועט זיין אַן עדות צווישן זיי — זיי האָבן דאָך אָבער אים ניט אַריינגענומען ווי אַ דריטן (שותף) בשייכות צום פקדון גופא — היינט פאַרוואָס זאָל ער הייסן מיטן נאָמען „שלישי״?

ג. אויסער די אויבנגעזאָגטע שאלות אין פירש״י דאָ על אתר, איז אויך פאַראַן אַ שוועריקייט מצד אַ פריערדיקן פירש״י:

אויפן פסוק „נפש כי תמעול מעל גו׳ מקדשי ה׳״[11] זאָגט רש״י „אין מעילה בכל מקום אלא שינוי״. דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס פאַר אַ שינוי איז דאָ ביי „וכחש בעמיתו״, וואָס צוליב דעם זאָגט דערויף דער פסוק „ומעלה מעל בה׳״[12]?

מפרשים זיינען מסביר[13], אַז אַט די פאַרלייקענונג גופא, דאָס וואָס ער וויל צונעמען פאַר זיך אַ זאַך וואָס געהערט צו אַ צווייטן — שטעלט עס מיט זיך פאַר אַ שינוי רשות.

ס׳איז אָבער ניט מובן: אין פסוק שטייט דאָך „ומעלה מעל בה׳״, ד. ה. אַז די מעילה (וואָס לויט רש״י׳ס פי׳ ווערט עס אומעטום געמיינט שינוי) דאַרף דאָ געטייטשט ווערן ווי אַ שינוי אין רשות פון אויבערשטן (אַזוי ווי ביי „כי תמעול מעל גו׳ מקדשי ה׳״, וואו מ׳נעמט אַריבער די זאַך פון רשות הקדש אין רשות חולין). אָבער לויט די מפרשים הנ״ל באַשטייט דאָך דער „מעל״ נאָר אין שינוי רשות פון איין מענטשן צום צווייטן?

ד. איז דער ביאור בכל הנ״ל:

די שאלה (עיקרית) וואָס שטעלט זיך דאָ ביי רש״י בנוגע דעם ענין פון „ומעלה מעל בה׳״ איז (ניט מחמת די דאָזיקע ווערטער גופא, נאָר) מצד די ווערטער „נפש כי תחטא״ וואָס שטייען פאַר דעם:

ווען עס וואָלט געשטאַנען בלויז „ומעלה מעל בה׳״, וואָלט מען געקענט (בדוחק עכ״פ) לערנען[*13], אַז יעדער פאַל פון עובר זיין אויפן אויבערשטנס רצון (ובפרט, דאָס שווערן פאַלש אין אויבערשטנס נאָמען) רופט אָן די תורה ווי אַ „מעל בה׳״ (ואין מעילה . . אלא שינוי), ווייל דערמיט ווייזט ער אַז ער פאַרבייט דעם אויבערשטן אויף, להבדיל, אַ וואָכעדיקע זאַך, ד. ה. ער רעכנט זיך ניט מיט זיין חשיבות, נאָר ווי עס וואָלט געווען, להבדיל, אַ וואָכעדיגע זאַך.

וויבאַלד אָבער אַז פריער שטייט שוין אין פסוק „נפש כי תחטא״, ווערט במילא שווער: צוליב וואָס זאָגט דער פסוק סיי „תחטא״ און סיי „ומעלה מעל בה׳״ וואָס לפי הנ״ל איז עס דאָך היינו הך?

און דערפאַר שטעלט זיך רש״י (ניט

11) ה, טו.

12) כמו שהקשו במפרשי רש״י שם. ובר״ם שם מסיק — מכח קושיא זו — שהתיבות „בכל מקום״ מיותרות. עיי״ש.

13) גו״א שם.

*13) ראה עד״ז דברי דוד המובא בש״ח פרשתנו ה, טו. ומפרש כן לפי פרש״י. אבל — ענין זה לא כתוב ברש״י, ואפילו לא ברמז. וצ״ל, שפירוש „ומעלה מעל בה׳״ — לפי פרש״י — הוא מה שמשנה מהבעלות של הקב״ה, וכלשון רש״י „מכחש בשלישי שביניהם״, וכדלקמן סעיף ו׳.

אויף די ווערטער „ומעלה מעל בה׳״ גופא, נאָר) אויף די ווערטער „נפש כי תחטא״ און פרעגט, „מה תלמוד לומר ומעלה מעל בה׳״ — וויבאַלד עס שטייט שוין „נפש כי תחטא״ איז „מה ת״ל ומעלה מעל בה׳״ [14], צוליב וואָס [14*] זאָגט דער פסוק ביידע לשו־נות [15].

און אויף דעם ענטפערט רש״י [14*] „לפי שכל המלוה כו׳ אבל המפקיד כו׳״, אַז די צוויי לשונות — „כי תחטא״ און „ומעלה מעל בה׳״ — באַציִען זיך צו די וויטערדיקע צוויי פרטים:

„כי תחטא״ ווערט געזאָגט בשייכות צו „וכחש בתשומת יד וגו׳״, וואו ס׳האַנדלט זיך אין געלט אויף עסק אָדער מלוה — און וויבאַלד אַז דאָ איז ער נאָר „מכחש בעדים ובשטר״, איז עס סתם אַ „חטא״ — ניט קיין ענין פון „מעל בה׳״; און דעם לשון „ומעלה מעל בה׳״ זאָגט דער פסוק אין באַצוג צו „וכחש בפקדון״, ווייל דער וואָס פאַרלייקנט אַ פקדון איז „מכחש בשלישי שביניהם״.

ועפ״ז ווערט פאַרשטאַנדיק וואָס רש״י איז מאריך און דערמאָנט אויף דעם פרט פון „המלוה כו׳״, ווייל דערמיט איז ער מפרש די ווערטער „נפש כי תחטא״ [15*].

ה. אָבער לויט דעם שטעלט זיך די קשיא: דער לשון „כי תחטא״ שטייט דאָך פאַר „ומעלה מעל בה׳״, היינט פאַרוואָס קומען דערנאָך זייערע אויסטייטשונגען אין אַ סדר הפוך — פריער „בפקדון״ (בהמשך צו „ומעלה מעל בה׳״) און דערנאָך „בתשומת יד וגו׳״ (— „נפש כי תחטא״)?

אָט די שאלה באַוואָרנט רש״י מיט איין אות: דער לשון אין ספרא איז „המפקיד אצל חבירו אינו רוצה שתדע בו נשמה״, אָבער אין פירש״י ווערט געזאָגט [16] „ואינו רוצה כו׳״:

מיט דעם וא״ו, וואָס רש״י איז מוסיף, איז ער מדגיש אין אַ קלאָרן

14) ועפ״ז יומתק מה שרש״י מתחיל פירושו (לפי הגירסא שבדפוס ראשון — ראה לעיל הערה 3) „ומה תלמוד לומר ומעלה כו׳״ בוא״ו המוסיף — כי הקושיא „מה ת״ל ומעלה כו׳״ באה בהמשך ל„נפש כי תחטא״ שמעתיק לפנ״ז.

*14) ראה גם דברי דוד לפרש״י כאן.

15) ואין להקשות, שגם לפ״ז הו״ל לר־ש״י להעתיק (לפני פירושו) התיבות „ומעלה מעל בה׳״ או לרמוז ב„וגו׳״ — מכיון שמפרש גם תיבות אלו —

כי „ומעלה מעל בה׳״ שבפירש״י, אינו מפי׳ רש״י, כ״א — שמעתיק ל׳ הכתוב כמו שהוא ולכן אינו מעתיקו בתחלה. (ובדוגמת תיבת „לאמר״ בפרש״י ויקהל (לה, ד) שאינו מעתיקה לפני פירושו (ראה בארוכה לקו״ש ח״ו ע׳ 221 ואילך): בריש פרשתנו ד״ה ויקרא אל משה (השני) שמעתיק „וידבר״ באמצע פירושו. ועוד).

*15) שקאי אַ„בתשומת יד״.

הטעם לזה שכאן מקדים רש״י „המלוה והלוה״ ל„הנושא והנותן״, ובד״ה „בתשומת יד״ כותב „ששם כו׳ להתעסק (ואח״כ) או במלוה״:

בד״ה זה (נפש כו׳), שרוצה להסביר ד„אינו עושה אלא בעדים כו׳״, כותב מקודם „המלוה והלוה״ שבזה פשוט יותר שעושים רק „בעדים כו׳״, ואח״כ מוסיף דגם „הנו־שא והנותן״ — שאף ש(גם) בעל המעות מעוניין בזה (שבו״ב הפעמים מרויח), מ״מ „אינו עושה אלא בעדים כו׳״;

משא״כ בד״ה „בתשומת יד״ (שבא לפ־רש תיבות אלו גופא), מקדים „להתעסק״ — כי זה קרוב יותר להפירוש ד„תשומת יד — ששם בידו״ דהמקבל, ואח״כ מוסיף גם „במלוה״ — אף שרגיל שהלוה בא ומבקש ולא שהמלוה שם בידו מעצמו.

16) ראה לעיל הערה 4.

אופן אַז אויך ביי פּקדון קען געמאַלט זיין מען זאָל געבן צו באַהאַלטן בעדים ובשטר, און דעריבער[17] שטייט פּקדון פריער פאַר מלוה, ווייל ביי „וכחש בפקדון" איז פאַראַן (אויך) אַ פאַל וואָס באַציט זיך צו „נפש כי תחטא" — און וויבאַלד „פּקדון" טייטשט אָפּ ביידע לשונות (אויך „ומעלה מעל בה'"), דערפאַר קומט ער פאַר וכחש בתשומת גו', פאַר מלוה וואָס איז געוויינטליך „בשטר ובעדים".

ו. דעם ביאור לשון הכתוב „ומעלה מעל בה'" — וואָס דערפון איז משמע (כנ"ל ס"ג) אַז דורכן פאַרלייקענען דעם פּקדון, איז ער משנה (און נעמט אַרויס) דעם פּקדון פון רשותו של הקב"ה — דריקט רש"י אויס דורכן לשון „שלישי שביניהם":

דורך דעם וואָס ער זאָגט אַז דער אויבערשטער איז אַ „שלישי", אַ דריטער צום מפקיד ונפקד, מאַכט רש"י קלאָר אַז דאָ האַנדלט זיך ניט בלויז אין דעם וואָס דער מפקיד ונפקד האָבן געמאַכט דעם אויבערשטן פאַר אַן עדות אויפן פּקדון (וואָרום כנ"ל סוף ס"ב, דערמיט וואָס איינער איז בלויז אַן עדות אויף אַן עסק — הייסט ער נאָך ניט קיין „שלישי"); דאָ ווערט אויך געמיינט דעם אויבערשטנס בעל־הבתי'שקייט אויפן פּקדון, און דערפאַר טאַקע ווערט ער גערופן „שלישי" — ער איז דער דריטער בעה"ב:

אין בעה"ב איז דער מפקיד, וואָס צו אים געהערט דער פּקדון; דער צווייטער „בעה"ב" ווערט דער נפקד[*17], ווייל ברשותו געפינט זיך דער פּקדון ובפרט ווען ער איז וכחש, ער פאַרלייקנט דעם פּקדון איז ער בפועל דער בעה"ב אויפן פּקדון; און דער דריטער בעה"ב איז דער אויבערשטער — ער איז דער אמת'ער בעה"ב פון דעם פּקדון, וואָרום ס'איז דאָך „לה'[18] הארץ ומלואה".

און דאָס איז דער פירוש פון „מכחש בשלישי שביניהם": דאָס וואָס דער חפץ געהערט צום מפקיד, איז עס דאָך דערפאַר וואָס דער אויבערשטער (דער אמת'ער בעה"ב פון דער גאַנצער וועלט) האָט אים דאָס געגעבן[19]; איז בשעת אַז דער נפקד פאַרלייקנט דעם פּקדון און וויל פון אים צונעמען דעם חפץ, הייסט עס אַ פאַרלייקענונג אין דער בעה"ב'שקייט פון אויבערשטן — „מכחש בשלישי שביניהם".

און דעריבער הייסט עס „ומעלה מעל בה'" — אַז דורך זיין פאַרלייקענען דאָס, קומט במילא אויס כאילו ער נעמט אַרויס כביכול דעם פּקדון פון רשותו של הקב"ה.

און הגם אַז לפ"ז קומט אויס אַז אויך ביים פאַרלייקענען אַ מלוה איז דאָ דער ענין פון „מכחש" אין דעם אויבערשטנס בעל־הבתי'שקייט אויפן געלט — וואָרום דער אויבערשטער האָט עס דאָך געגעבן צום מלוה — איז אָבער פאַרט ניט דומה:

ביי מלוה, וויבאַלד אַז „כל המלוה כו' אינו עושה אלא בעדים ובשטר", האָט ער דאָ ניט פאַרבונדן די הלואה, אין אַן אופן מיוחד, מיט דער בעל־הבתי'שקייט פון אויבערשטן; משא"כ

---

17) גם לולי זאת הי' רש"י כותב „ואינו רוצה" בוא"ו, לפי שגם בפקדון מפקידים לפעמים בעדים ובשטר. והכוונה כאן, שעי"ז מתרץ גם הסדר שבכתוב.

*17) ראה משפטים כב, ז ובפרש"י שם.

18) תהלים כד, א.

19) להעיר גם מפירש"י ר"פ בראשית (בד"ה הראשון): כל הארץ של הקב"ה היא כו' ברצונו נתנה כו'.

ביי אַ פקדון, וואו „אינו רוצה שתדע בו נשמה אלא שלישי שביניהם", האָט ער דאָך אין דעם זיך באַזונדערס פאַרלאָזן אויפן „שלישי שביניהם", ד.ה. דער מפקיד האָט געגלויבט דעם נפקד נאָר דערפאַר וואָס ער האָט גערעכנט אַז דער נפקד וועט ניט גיין קעגן דער בעל־הבתי׳שקייט פון אויבערשטן, און פאַרלייקענדיק דעם פקדון איז ער דעריבער „מכחש ב־שלישי שביניהם" און איז „מועל בה'".

ז. לאחר כל זה פאָדערט זיך נאָך ביאור אין דעם: ווען איינער פאַר־לייקנט דעם צווייטנ׳ס פקדון, איז אמת טאַקע אַז ער טוט אַ זאַך וואָס איז קעגן דעם אויבערשטנס רצון, אָבער סוכ״ס בלייבט דאָך דער חפץ — אויך נאָך דער פאַרלייקענונג — אין רשות פון דעם אויבערשטן — היינט פאַרוואָס הייסט עס פאָרט א „מעל בה'", אַ שינוי אין רשותו של הקב״ה?

אמת, קיין שטאַרקע קשיא איז עס טאַקע ניט, וואָרום ווי געזאָגט, גייט ער דאָ אַנטקעגן דעם אויבערשטנס סדר אין בעל־הבתי׳שקייט, און דאָס הייסט במילא כאילו ער וואָלט אַרויס־גענומען אַ זאַך פון אויבערשטנס רשות — אָבער דאָך איז עס ניט אַזוי גלאַ־טיק.

דעריבער באַוואָרנט דאָס טאַקע רש״י — אָבער בלויז אין אַ רמזי־דיקן אופן — דורך צוגעבן דעם נאָמען פון דעם בעל המאמר ר' עקיבא:

דער טעם וואָס ביום הראשון פלעגן די לויים אין ביהמ״ק זאָגן דעם מזמור „לה' הארץ ומלואה", זאָגט (ר״י משום) ר' עקיבא „על שם שקנה והקנה"[20].

און רש״י איז מפרש אויף דעם: „כלו־מר, קונה כדי להקנות". און וויבאַלד אַז (לויט ר״ע) דאָס וואָס דער אוי־בערשטער האָט „קונה" געווען די וועלט איז (נאָר) „כדי להקנות" — אַז דעם אויבערשטנס בעל־הבתי׳ש־קייט גופא אויף אַט דעם חפץ, איז כביכול אָפּהענגיק אין דעם וואָס ער גיט עס און מאַכט עס געהערן צו איש פלוני — קומט דאָך במילא אויס, לויט ר' עקיבא, אַז ווען איינער לאָזט ניט צו דעם „להקנות", איז ער גורע כביכול (אויך) אין דעם „קונה" פון הקב״ה.

ח. עס האָט זיך פריער (סוס״ו) גערעדט, אַז דאָס וואָס „וכחש בע־מיתו" ווערט אין פסוק איינגעטיילט אין צוויי אופנים: „נפש כי תחטא" און „ומעלה מעל בה'" — הגם אַז אין יעדער אופן איז עס אַ „מעל" אין אויבערשטן (צונעמענדיק די זאַך פון דעם וואָס אים האָט דער אוי־בערשטער געגעבן, מאַכט ער דאָך דערמיט כביכול אַ שינוי ברשותו של הקב״ה כנ״ל) — איז עס דערפאַר וואָס בעת ער פאַרלאָזט זיך מלכתחילה אויף עדים און שטר, איז ער ניט „מכחש" אָפּענערהייט אין דעם „שלי־שי שביניהם" (ווי דאָס איז אין פאַל פון „וכחש בפקדון" וואו ער האָט מלכתחילה זיך פאַרלאָזט אויפן שלי־שי שביניהם און ס'איז דעריבער אַן אָפּענערע הכחשה אין דעם אוי־בערשטן), און דערפאַר איז דאָ (בג־לוי) בלויז אַן ענין פון „כי תחטא", אָבער ניט „ומעלה מעל בה'".

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז דער חילוק צווישן „נפש כי תחטא" און „ומעלה מעל בה'" איז נאָר בשייכות צו גילוי, ד.ה. אַז ביי „נפש כי תחטא"

---

20) ר״ה לא, רע״א.

איז די מעילה בה' ניט אַזוי קענטיק בגלוי, אָבער בפנימיות איז די מעילה דאָ אויך ביי „כי תחטא",

— און דאָס מיינט באַ יעדער חטא, אַפילו אַזאַ וואָס איז בלויז „חטא" פון לשון חסרון[21], ווען איינער (טוט ניט קיין עבירה, נאָר ער) פאַרפעלט עפּעס אין זיין עבודה, און אַפילו ווען דאָס פאַרפעלטע איז גאָר אַ „קלייניקייט" (בדוגמא ווי דער „נפש כי תחטא" כפשוטו, וואָס רעדט זיך אַפילו ווען ער פאַרלייקנט בלויז אַ שוה פרוטה);

דאָס מיינט, אַז הגם דאָס זעט אויס בלויז ווי סתם אַ חטא (אָבער ניט קיין ענין פון כפירה ר"ל וח"ו) — איז עס בפנימיות אַן ענין פון „מכחש בשלישי שביניהם", דוגמת אַן ענין פון כפירה ר"ל[22]; און נאָך מער: ס'איז אויך אַ מעילה בה' — ער איז דורך דעם משנה כביכול אין רשותו של הקב"ה. — דורך זיין ניט אויספירן דעם תפקיד המוטל עליו צו מאַכן פון זיין חלק בעולם אַ דירה לו ית', נעמט ער אַרויס כביכול אַט דעם חלק פון רשותו של הקב"ה.

ט. דאָס וואָס די תורה האָט אַריינגעשטעלט די הוראה פון „נפש כי תחטא ומעלה מעל בה'" (וכביאור הנ"ל) דווקא ביי „וכחש בעמיתו", איז עס בכדי צו אונטערשטרייכן, אַז דאָס איז אַזוי (אויך) בנוגע צו ענינים שבין אדם לחבירו (און ניט נאָר בנוגע צו בין אדם למקום):

מען זאָל קיין טעות ניט האָבן און מיינען, אַז ביי ענינים שבין אדם למקום, איז פאַרשטאַנדיק אַז יעדער פרט „רירט" אָן אין די בעל־הבתי'שקייט פון אויבערשטן; בנוגע צו בין אדם לחבירו אָבער, כאָטש אַז די ציוויים אויף דעם זיינען טאַקע פון אויבערשטן — עס איז דאָך אָבער בכדי צו פאַרהיטן „חבירו", איז אַפילו ווען ער זאָל אים באַ'עולה'נען, רירט עס אָן בעיקר אַ מענטשן אָבער ניט דעם אויבערשטן —

זאָגט דעריבער די תורה קלאָר, אַז „נפש כי תחטא", איז הגם אַז דאָס איז אין אַן אופן וואָס בחיצוניות איז עס שייך נאָר צו „עמיתו" (ניט צום אויבערשטן ח"ו), פונדעסטוועגן איז עס שוין אַן ענין פון „ומעלה מעל בה'"[23]; און אַפילו ווען ער האָט בלויז „פאַרפעלט" („חטא — לשון חסרון") צו טאָן זיין חבר אַ טובה, וכיו"ב —

---

21) כמו: והייתי אני ובני שלמה חטאים (מ"א א, כא), ופרש"י „חסרים".

22) ראה תניא פכ"ד, שכל חטא הוא דוגמת חטא ע"ז. ולהעיר מפרש"י פרשתנו ה, טו: אין מעילה כו' אלא שינוי וכן הוא אומר ויזנו אחרי אלקי עמי הארץ.

23) כי כל המצות (גם אלו שנתלבשו בשכל, וגם אלו שבין אדם לחבירו) ענינם הוא רצון העליון. ועייך בקונט' „ענינה של תורת החסידות" (נדפס בסוף כרך א' ד„ספר הערכים — חב"ד") סעיף יד, שזהו הטעם על האיסור (זח"ג קיט, א. וראה קונט' הנ"ל הערה 73) לעכב פקדונו של חבירו בשביל החובות שהמפקיד חייב לו — כי מכיון שגם המצות שבין אדם לחבירו, ענינם הוא רצון העליון, הרי מטרת המצוה דהשבת הפקדון היא [לא רק בשביל טובת המפקיד, כ"א] מצות ההשבה גופא. עיי"ש בארוכה.

ועפ"פ המבואר שם ס"י (וראה זהר הנ"ל) השייכות של איסור זה לענין „מודה אני כו' שהחזרת בי נשמתי" — י"ל (בה„יינה של תורה" שבפרש"י) שזהו הטעם למ"ש רש"י „שתדע בו נשמה" [ולא „נפש" — כלשון הכתוב], כי בזה מרמז טעם איסור העכבת הפקדון גם כשהמפקיד חייב לו כו' (שי"ל, שגם זה נכלל ב„וכחש גו' בפקדון"). ולהעיר מכלי יקר כאן.

איז עס, בפנימיות, שוין אַן ענין פון „מעל בה׳״, כנ״ל.

י. עס איז דאָך אָבער „אין לך דבר העומד בפני התשובה״[24] —

איז די פרשה דעריבער מסיים: „וכפר עליו גו׳ ונסלח לו״[25]. אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער איז גע־ווען אין אַ מצב פון „נפש כי תחטא״ (וואָס דאָס אַליין איז שוין בפנימיות אַ „מעל בה׳״, כנ״ל), און אַפילו ווען ס׳איז געווען ביי אים בגלוי דער „ומ־עלה מעל בה׳״, איז ווי נאָר ער טוט תשובה, איז „וכפר גו׳ ונסלח לו״.

און אַזוי אויך בכללות: ונפש כי תחטא — ווערט („מפני חטאינו) — גלינו״, איז ישראל עושין תשובה ומיד הן נגאלין[26], בביאת משיח צדקנו, בקרוב ממש ובעגלא דידן[27].

(משיחת ש״פ ויקרא תש״ל)

24) רמב״ם הל׳ תשובה ספ״ג. אגה״ת רפ״ד. ובירוש׳ פאה פ״א סה״א: בפני בע״ת.

25) ה, כו.

26) רמב״ם הל׳ תשובה פ״ז ה״ה. ובאגה״ת פי״א: תיכף ומיד (ראה לקמן ע׳ 19 הערה 39).

27) ההוספה ד„בעגלא דידן״ על „בקרוב ממש״ — ראה לקו״ש ח״ט ע׳ 23 הערה 61.

# ויקרא ב

א. בסיום הסדרה זאָגט די תורה, אַז אויב איינער וואָס האָט פאַרלייקנט געלט פון אַ צווייטן און האָט געשוואָרן אויף דעם אַ שבועת שקר, איז זיך מודה און טוט תשובה, דאַרף ער אומקערן דאָס געלט און צוגעבן דערצו אַ פינפטל — „וחמשתיו יוסף עליו לאשר הוא לו יתננו ביום אשמתו".

שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער „לאשר הוא לו" און איז מפרש: „למי שהממון שלו" — אַז דעם חומש דאַרף ער געבן צו דעם צו וועמען עס באַלאַנ־גט דאָס געלט.

איז ניט מובן: אויך אָן רש"י'ס פירוש וואָלט מען לכאורה געוואוסט וואָס עס מיינט „לאשר הוא לו". וואָס דאַרף עס רש"י מפרש זיין?

אויך דאַרף מען פאַרשטיין, צוליב וואָס דאַרף דער פסוק גופא מוסיף זיין די ווערטער: אויך אָן זיי וואָלט מען לכאורה געוואוסט אַז דעם חומש דאַרף ער געבן צום נגזל — צו וועמען דען אַנדערש זאָל ער עס געבן? טאָ וואָס דאַרף דער פסוק זאָגן די דריי (פיר) ווערטער?

ב. פאַר די ווערטער „למי שהממון שלו" שטייט אין רש"י [אַרומגערינגלט] „לאפוקי בנו ושלוחו. ת"כ"[1] — אַז פון דעם פסוק לערנט מען אָפּ, אַז מיט'ן געבן דאָס געלט צום זון פון נגזל אָדער צו זיין שליח (אַז זיי זאָלן עס איבערגעבן צום נגזל), איז ער ניט יוצא דעם חיוב השבה (ביז דאָס געלט וועט אָנקומען צום נגזל גופא). וואָס לויט דעם איז מובן דער טעם פון דעם וואָס דער פסוק איז מוסיף די ווערטער „לאשר הוא לו".

אָבער פון דעם וואָס די ווערטער זיינען אַרומגערינגעלט, איז מובן אַז עס זיינען דאָ חילוקי דיעות צי די ווערטער זיינען פון דברי רש"י (ביז אַז ס'זיינען פאַראַן כמה דרוקן, צווישן זיי — דער ערשטער דרוק פון פרש"י על התורה, אין וועלכע עס שטייען אינגאַנצן ניט די ווערטער). דאַרף מען פאַרשטיין לויט די גירסא אַז די ווערטער זיינען ניט פון דברי רש"י: וואָס איז דער פסוק מוסיף מיט „לאשר הוא לו"?

אויך לויט די גירסא אַז די ווערטער זיינען יאָ פון דברי רש"י, איז ניט מובן פאַרוואָס שרייבט ער זיי פאַר „למי שה־ממון שלו": מיט'ן „למי שהממון שלו" איז רש"י מפרש דעם טייטש פון „לאשר הוא לו", און מיט'ן „לאפוקי בנו ושלוחו" ערקלערט ער דעם חידוש פון דעם פסוק — דעם מאי קא משמע לן, האָט ער דאָך לכאורה געדאַרפט פריער אָפּטייטשן די ווערטער אַליין און דערנאָך זאָגן וואָס איז דאָ נתחדש געוואָרן.

ג. דער ביאור אין דעם איז:

דער טעם אין פשטות פון דעם וואָס דער גזלן דאַרף מוסיף זיין אַ חומש איז (ניט בכדי דעם נגזל זאָל צוקומען אַ פינפטל מער ווי מ'האָט ביי אים צוגענו־מען, נאָר) וויל ער איז באַגאַנגען האַרבע עבירות[2] — גזילה, שבועת שקר — האָט

---

1) וכ"ה במשנה ב"ק קג, א. אבל בתו"כ שלפנינו כאן — שלוחו (ואינו מזכיר בנו).

2) להעיר ג"כ מפי' הראב"ע נשא ה, ז (דכשמוסיף בעונו — אינו מתודה — יוסיף עוד חומש) — אף שבביאור הפשט דתיבת חמישיתיו דכאן — חולק עליו פירש"י דכאן.